# צום פינטל

גליון כ
פרשת ויקרא תשפ"ג

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה-מועדים

### חמץ איז נישט קיין מציאות

**• חמץ האט נישט קיין מציאות**

די תורה האט זייער מחמיר געווען ביי איסור חמץ, די רצון התורה איז אז די חמץ זאל בכלל נישט האבן קיין מציאות, ס'איז אסור באכילה ובהנאה, יעדער זאך אויף די וועלט האט זיך זיין דרגא אין חשיבות, וואס דאס ווערט געמאסטן לפי די ווערט וואס דער מענטש קען פון דעם ארויסנעמען, באכילה אדער בהנאה, אבער חמץ אין פסח קען מען נישט ארויסנעמען פון דעם קיין שום ווערט, איז עס פארעכנט כאילו די חמץ איז נישט קיים.

און ס'איז בכלל נישט אין די 'רשות' פונעם מענטש, ווי די גמרא זאגט (פסחים ה ע"ב) אז די איסור הנאה מיינט בעומק אז ס'איז 'אינו ברשותו של אדם', ווייל אויב דער מענטש איז נישט שולט אויף דעם, ער קען נישט הנאה האבן פון דעם אויף קיין שום וועג, איז עס ממילא 'אינו ברשותו'.

בנוסף צו דעם האט די תורה מחייב געווען אז יעדער יוד זאל ארויס ווייזן אז די חמץ האט נישט קיין מציאות, און נאך איידער דער יום טוב פסח קומט אהן, זאל שוין דער יוד משבית זיין די חמץ, נאך פאר די תורה מאכט עס 'אינו ברשותו', זאל דער יוד עס שוין ארויס נעמען פון זיין רשות און מאכן אויס מציאות, ער זאל עס מבער זיין און מבטל זיין אז ס'זאל ווערן אויס מציאות.

און אזוי אויז קומט אויז די חמץ איז 'אויס' מציאות, סיי מצד די חפצא און סיי מצד די גברא. אין יום טוב פסח זעלבסט איז עס 'אויס' מצד די חפצא פון חמץ, וואס די תורה האט גע'אסר'ט באכילה ובהנאה, און פון פאר יום טוב פסח איז עס 'אויס' מציאות מכח דעם 'גברא'. די עצם חפצא פון די חמץ איז דאך נאך ווערט, ס'איז נאך פאר פסח, אבער דער 'גברא' איז עס מבער און מבטל און ער איז מגלה אז עס האט נישט קיין חשיבות אין זיינע אויגן, אפילו אז על פי התורה איז עס נאך נישט אסור בהנאה.

**• כעפרא דארעא**

מען איז מבטל די חמץ 'כעפרא דארעא', יעדער שטיקל חמץ האט זיך זיין דרגא אין חשיבות, אבער ווען מ'איז זיי מבטל, ווערן זיי אלע גלייך, א טייערע חמץ און א ביליגע חמץ, ס'מאכט נישט קיין חילוק, אלע ווערן

**יעדער שטיקל חמץ האט זיך זיין דרגא אין חשיבות, אבער ווען מ'איז זיי מבטל, ווערן זיי אלע גלייך, א טייערע חמץ און א ביליגע חמץ, ס'מאכט נישט קיין חילוק, אלע ווערן זיי גלייך צו די ערד, 'כעפרא דארעא', יעדער פארלירט זיין מיוחד'יגקייט און פרטיות'דיגער חשיבות, אלע ווערן ווי א חלק פונעם כלל העפר**

זיי גלייך צו די ערד, 'כעפרא דארעא', יעדער פארלירט זיין מיוחד'יגקייט און פרטיות'דיגער חשיבות, אלע ווערן ווי א חלק פונעם כלל העפר, וואס האט נישט קיין שום מיוחד'דיגע חשיבות.

ס'איז באקאנט שיטת רש"י אז 'תשביתו' מיינט ביטול בלב, און אלע ראשונים (רמב"ן ושאר כל הראשונים) זענען מסביר אז אודאי איז רש"י מודה אז שריפה און די אנדערע אופנים זענען נכלל אין 'תשיבתו', נאר רש"י האלט אז די עיקר פון אלע סארטן 'ביעור', איז די 'ביטול שבלב' וואס ס'איז דא דערביי. ווען ער מאכט שריפה, זורה לרוח, ומטיל לים, די אלע זאכן איז נאר ארויסצוברענגען דעם 'ביטול'.

ווייל ווען ער פארברענט ס'זאל ווערן 'אפר', האט ער דאך אויף די שטערקסטע אופן ארויסגעוויזן אז די חמץ האט נישט ביי אים קיין חשיבות, ס'איז נישט ווערט ביי אים מער ווי אביסל 'אפר'. און די זעלבע זאך ווען ער איז 'שוחק וזורה לרוח', ווייזט ער אז די חמץ איז נישט מער ווערט ווי אביסל 'רוח' אביסל לופט, און אזוי אויך ווען ער איז 'מטיל לים' ווייזט ער אז עס איז נישט מער ווערט ווי אביסל ים וואסער.

קומט אויס אז אלע אופנים פון ביעור זענען פשוט א הוכחה אויפן ביטול בלב, אויטאמאטיש ווייזן זיי אז ער איז מבטל די גאנצע חשיבות פון די חמץ, זיי נעמען ארויס די חמץ פון זייער פרטיות'דיגער חשיבות, און זיי מאכן די חמץ פאר א חלק פונעם כלל האפר, פונעם כלל הרוח, און פונעם כלל הים.

**• פנים חדשות באו לכאן**

די הייליגע ר"ן איז מגדיר 'ביטול' אז ס'ווערט ווי א 'פנים חדשות' (עי' ר"ן סנהדרין נה כלפי ביטול בעבודה זרה). די ענין פון 'פנים חדשות' טרעפט מען אסאך מאל אין חז"ל אויף ארויסצוברענגען אז די גשם איז טאקע די זעלבע, אבער ס'האט א 'פנים חדשות', ס'האט באקומען א שינוי צורה א פרישע פנים. און דאס איז אויך פשט 'פנים חדשות' ביי 'ביטול חמץ', אז די מענטש טויש זיין הסתכלות אויף די חשיבות פון די חמץ, אין דורעך דעם ווערט עס ביים מענטש ווי א 'פנים חדשות', ס'פארלירט זיין גאנצע ווערט, זיין גאנצע 'וועליא'.

יעדער סארט מאכל האט זיך זיין חשיבות, איין מאכל האט גאר א גוטען טעם, א אנדערע מאכל איז גאר געזונט, אן אנדערע מאכל מאכט גוט זאט, יעדער פארדינסט, יעדער 'מעלה', גייט ארויף די חשיבות פונעם מאכל. אבער ווען מ'איז 'מבטל' די חמץ פארלירט עס יעדעס משהו חשיבות, 'פנים חדשות באו לכאן', ביז היינט איז ער געווען כך וכך חשוב, און יעצט איז ער 'זיראו', ער האט נישט קיין שום חשיבות.

בכלל דארף מען וויסען, אז די געשמאק פון א עסן, ווענדט זיך זייער אסאך אין די חשיבות, אז א מענטש וועט אריינטראכטן ביי זיך וועט ער זעהן אז גוויסע עסן'ס האט ער מער ליב צוליב די חשיבות וואס ער האט

המשך בעמוד הבא

צו זיי. און דאס איז די סיבה פארוואס געוויסע מענטשן האבן גאר שטארק ליב א מאכל, ווען אנדערע איבלען זיך פון דעם, וואס דאס קען האבן צו טוהן מיט די חשיבות וואס יעדער שפירט צו דעם, און וועגן דעם זעהט מען אז יעדער משפחה האט ליב אנדערע עסן'ס, געוואנדען לפי די חשיבות וואס זיי האבן געזעהן דערצו, ביי די טאטע און מאמע און בני משפחה, און צומאל זעהט מען א לאנד, א קהילה, יעדער פלאץ מיט זייערע עסן'ס, אלץ געוואנדן וואס ס'איז דארט חשוב. (און אסאך מאל האט א מענטש ליב א מאכל פשוט ווייל ער האט ליב די מוכר וואס פארקויפט אים די מאכל, והמבין יבין).

איז מיט די משל קען מען בעסער פילען וואס דאס הייסט אז מ'איז מבטל די חמץ, די תורה זאגט פארן יוד אז די עסן זאל נישט האבן ביי דיך קיין חשיבות, איז ממילא פארלירט עס איר גאנצע שוויות, ווייל די גאנצע טעם און געשמאק איז תלוי אין די חשיבות, און אז ס'איז נישט חשוב, דער מענטש, דער גברא, איז עס נישט מחשיב, איז עס באמת כאילו עפרא בעלמא. אין יום טוב פסח אליינס האט דאך די תורה גע'אסר'ט די חמץ באכילה ובהנאה, די תורה האט אוועקגענומען איר גאנצע ווערט, און נאך פון פאר פסח איז דער יוד מבטל די חמץ און ער ריפט אויס אז די חמץ האט נישט ביי אים קיין שום ווערט, ער גייט מיט, מיט די תורה'דיגע בליק.

### ביטול אין פארשידענע פלעציר

דער הייליגער רמב"ן (פסחים דף ו) רעדט ארום וועגן 'ביטול חמץ', און ער ברענגט צוזאם כמה ענינים אין די תורה הקדושה ווי מ'טרעפט די מושג 'ביטול', אז א מענטש קען מאכן א זאך 'אויס' דורעך די כח פון ביטול, אים מאכן אויס מציאות פרטי, מבטל זיין זיין חשיבות, און אים כולל זיין ווי א חלק פונעם כלל.

איינער פון די פלעצער איז ביי 'ביטול עבודה זרה', אז א גוי האט א כח צו מבטל זיין די ערך און די חשיבות פון עבודה זרה, דורכען זאגען אז די חתיכת עץ - וואס איז געווען מיוחד פאר עבודה זרה - האט נישט מער קיין שום ספעציעלקייט, ס'האט נישט קיין שום געטליכע חשיבות, ס'איז פונקט ווי יעדער שטיק האלץ, זיין שוויות איז ווי יעדער שטיק האלץ אויפן מארק. דער גוי איז מבטל די חשיבות הפרטי פונעם שטיק האלץ, און ער איז אים כולל מיט אלע אנדערע שטיקלעך האלץ, ער האט אים געמאכט גלייך מיט אלע אנדערע.

אויך ברענגט דער רמב"ן די ענין פון 'ביטול רשות' ביי עירובין, אז יעדער יחיד האט זיך זיין פרטיות'דיגער רשות, אבער דורעך 'עירובי חצירות' ווערט יעדער פרטיות'דיגער רשות בטל צו די כלל החצר, אלע חצירות ווערן ווי איין כח כללי, ס'גייט ארויס פון די פרטיות'דיג בעלים און ווערט כאילו ווי די נכסי הכלל, די נכסים פונעם גאנצען חצר.

אויך ברענגט דער רמב"ן די ענין פון 'יאוש' ביי אבידה, און ער זאגט אז 'ביטול' איז א ענין פון 'יאוש', ווייל ווען די חמץ האט נישט קיין שום חשיבות אין די אויגען פונעם מענטש, מיינט דאס אין אנדערע ווערטער אז ער האט זיך מייאש געווען פון דעם. אויך איז ער מדמה צו 'הפקר', אבער ער זאגט אז ס'איז נאך בעסער ווי הפקר, ווייל ער וויל בכלל נישט די 'קיום' פון די חמץ (ביי 'הפקר' וויל ער די 'קיום' ס'זאל אנקומען צו אנדערע, ער לייגט עס ארויס בכוונה אז אנדערע זאלן זוכה זיין דערין, מה שאין כן ביי 'ביטול' איז ער זיך מייאש אינגאנצען פון די 'קיום' פון די זאך, די גאנצע זאך ווערט אויס אין זיינע אויגען אז ס'האט נישט קיין שום ווערט).

אויך שטעלט דער רמב"ן צו די סוגיות און עבודה זרה פון 'אינו רוצה בקיומו', וואס מ'זעהט אז די 'רצון' געהט די חשיבות פאר די זאך, די 'רצון' געט די קיום פאר די זאך, און אויב האט די זאך נישט קיין שום רצון, ער איז עס 'מבטל', האט עס אויטאמאטיש נישט קיין קיום, כאילו ער איז נישט קיים בכלל (בדרך משל, כאילו ער איז א 'רואה ואינו נראה', קיינער קוקט נישט צו זיין זייט, די חמץ איז פארעכנט כאילו ער איז נישט קיים בכלל).

(דער רמב"ן ברענגט די לשון הספרי "ולא יראה לך - בטל בלבך", אז אין 'לא יראה לך' ליגט אויך די ענין פון 'ביטול', ועי' שם ברמב"ן וואס ער איז מבאר דעם 'לך', אז דורעך דעם וואס ער איז עס מוציא מדעתו, איז עס נישט מער 'לך'. אבער ס'איז אינטערסאנט צו צוברענגען פון גליוני הש"ס פון מר"י ענגיל זצ"ל - פסחים דף ד ע"ב - אז די כונה פונעם ספרי איז 'יראה' איז מלשון 'ראוי', אז דורעכן ביטול בלב הייסט עס 'לא יראה', וואס דאס קען מיינען אז ס'זאל נישט זיין ביי דיר 'ראוי' וחשוב, וואס דאס איז אזא סארט 'ביטול').

### ביטול הכמות והאיכות

דער מהר"ק (סימן קמב) איז מדמה 'ביטול בלב' ביי חמץ, צו די דין ביטול וואס מ'טרעפט אין מס' סוכה, אז ער איז מבטל די עפר און די תבן צו די קרקע פון די סוכה פאר זיבען טעג, און די הלכה איז אז ס'ווערט לדינא בטל צו די קרקע פון די סוכה. אזוי ווי דארט פארלירט די עפר און די תבן זייער אייגענע מציאות, זיי ווערן ווי א חלק פונעם גוף הקרקע, וואס דאס איז אסאך מער קביעות'דיגער און חשוב'ער ווי זיי, אזוי אויך ביי 'ביטול חמץ', ווערט די חמץ אויס פון זיין אייגענע מציאות, און עס ווערט ווי א חלק פונעם קרקע עולם 'כעפרא דארעא'.

נאך זענען די אחרונים מדמה צו די דין 'ביטול' וואס מ'טרעפט ביי טומאת אוכלים, אז די עסן פאלירט זיין פרטיות'דיגע חשיבות אלץ עסן, און ווערט ווי א חלק פונעם כלל, ס'ווערט ווי עפר וואס איז נישט מקבל טומאה. אויך קען מען צושטעלן 'ביטול' צו די ברייטע סוגיות פון 'ביטול' אין הלכות בשר וחלב ותערובות, וואס דארטן איז אויך פשט אז די איסור וואס איז אריינגעפאלן אין די היתר ווערט נתבטל צום 'כלל ההיתר', די מיעוט איסור וואס איז נישט ניכר, ווערט אויס פון זיין אייגענע מציאות, און ווערט נתבטל אינעם 'כלל' ההיתר.

ס'איז דא 'ביטול הכמות' אזוי ווי 'ביטול ברוב', און ס'איז דא 'ביטול האיכות' אזוי ווי 'רובו ככולו', אבער בכל אופן איז דאס א כח פון 'ביטול', אז די טפל און די מיעוט ווערן אויס, זיי ווערן נכלל אינעם עיקר, זיי ווערן נכלל אינעם 'כלל'. די זעלבע איז אויך ביי חמץ, שריפה וזורה לרוח ומטיל לים זענען מער 'ביטול הכמות', די מאכסט די גוף החמץ 'אויס', און 'ביטול בלב' איז מער א 'ביטול באיכות', די ביסט מבטל די חשיבות צו די זאך, אבער בכל אופן איז די ענין פו 'ביטול' א יסוד אז דער 'פרט' ווערט אויס און ווערט נכלל אינעם 'כלל'.

די רד"ק (ערך בטל) זאגט אז די חז"ל האבן זיך אסאך באניצט מיט די לשון 'ביטול'. בכללות איז עס מער גענוצט אין חז"ל אויף 'ביטול האיכות', אז די חשיבות הדבר ווערט 'בטל', א 'ביטול' צו א גרעסערע מציאות, א ביטול צום כלל, א ביטול פון יש צו אין, און צומאל אז די דאזיגע מציאות גופא ווערט נתהפך און נתבטל צו א פרישע מציאות (באמת בעומק איז 'ביטול הכמות' אויך א געוויסע 'ביטול האיכות', ווייל דורעך דעם וואס די כמות איז נישט ניכר, די 'כמות' ווערט אויס, דאס שוואכט אויטמאטיש אפ די גאנצע איכות און חשיבות).

### מבטל דעתו לדעת התורה

חמץ בפסח האט צוויי חלקים, אכילה והנאה, און בדיקה וביעור, אבער ס'איז נישט ממש צוויי עקסטערע זאכן אינגאנצן, ווייל די איסור 'אכילה והנאה' מיינט אז די חמץ אין פסח האט נישט קיין שום ווערט, און כנגד זה קומט די תורה ערב פסח מיט די מצוה פון 'תשביתו', וואס די תורה פארלאנגט אז יעדער יוד


המשך בעמוד האחרון

## בית פתוח - א אפענע שטוב

### • חסד עפענט אויף

ס'איז דא יודן וואס האבן די כחות ארויסצוגיין און טוהן חסד מיט אנדערע יודן, אנדערע האבן נישט די כח ארויסצוגיין, זייער לעבן איז אויסגעשטעלט מער ביי זיך אינדערהיים, זיי האבן נישט די לאנגע הענט אנצוקומען איבעראל צו טוהן חסד, אבער זיי האבן א אנדערע זאך, זיי האבן א אפענע טיר, א בית פתוח. אז די האסט נישט די כוחות ארויסצוגיין צו יענעם, עפען אויף דיין טיר אז יענער זאל ארייננקומען צו דיר, מאך יענעם פילען באקוועם ארייננצוקומען צו דיר.

ס'איז באמת צוויי סארטן מענטשן, ס'איז דא מענטשן, מער פלינקערע סארט, וואס זיי גייען ארויס, זיי טון און מאכן, און ס'איז דא אנדערע וואס זענען מער מיושב, זיי האבן נישט די כח פון לויפן טון און מאכן, אבער פאר זיי איז אויך דא א וועג פון משפיע זיין חסד, און דאס איז דורעכן עפענען די טיר ווען מ'קומט צו דיר.

בכלל טון 'חסד' מיט אנדערע איז א מורא'דיגע טובה פאר די נפש פונעם מענטש זעלבסט, ס'עפענט אים אויף, ווען א מענטש לעבט נאר מיט זיך, איז ער אין א מצב פון 'גבורות', אבער ווען ער טוט טובות פאר אנדערע גייט ער אריין אין א מצב פון חסדים, ס'עפענט אויף די מענטש.

איז יעדער איינער אויף זיין וועג, א מענטש וואס האט די כוחות ארויסצוגיין, איז דאס זיין וועג וואס עפענט אים, אז ער גייט ארויס און ער איז משפיע חסד. און א מענטש וואס האט נישט די כוחות ארויסצוגיין, איז זיין וועג ווען מ'קומט צו אים, ווען ס'קומט אים אונטער אריינצונעמען א גאסט וכדומה, עפענט ער אויף זיין הארץ ברייט אריינצונעמען יענעם מיט די גאנצע אפענקייט.

ווען א שטוב איז פארמאכט איז די שטוב טאקע אפגעהוטן, אבער צומאל קען די לופט ווערן אביסל צוזאמגעפרעסט, אבער אז מעפענט די טיר, וועט זיך די לופט אביסעלע טוישן, ס'וועט באקומען א סירקעלעשן, ס'וועט ווערן מער שיטערער און אויפלייזט. אזוי איז אויך מיט די אפענקייט פון א שטוב אריינצונעמען אנדערע, אז ס'ווערט אפען צו אנדערע איז דא מער לופט פארן נפש, אין די 'אויר' שפירט זיך מער א אפענעקייט, א געפיל פון חסדים. ווען ס'קומט אונטער אריינצונעמען א מענטש, ס'קומט אונטער צו עפענען די הארץ, זאג עס נישט אפ, יעצט האסטו א ברירה אז דיין שטוב זאל באקומען א אפענע געפיל, די שטוב זאל ארויסגיין פון גבורות און ווערן אנגעפילט מיט חסדים.

### • א אפענע שטוב

יעדער איינער קען זיכער א מענטש, א קרוב א שכן וכדומה, וואס די טיר זיינער איז שטענדיג אפען, כל דכפין ייתי ויכול וכו', און מ'קען מעיד זיין אויף די מורא'דיגע קוואל פון חיים וואס עפענט זיך אין אזא שטוב, א שטוב ווי מענטשן האבן די רואיגקייט דארטן זיך צו דרייען, א שטוב וואס מ'איז סובל אלע סארטן מענטשן, פון איין זייט קאסט עס כוחות הנפש צו סובל זיין, אבער פון די אנדערע זייט די שטוב ווערט א קוואל פון חיים פאר אנדערע, וואס אויטאמטיש איז עס א קוואל פון חיים אויך פאר די אייגענע משפחה. אמאל דארף טאקע אויסרעכנען אז ס'זאל נישט צונעמען אויפמערקזאמקייט פון די אייגענע בני בית, אבער צומאל פונקט פארקערט ס'ברענגט נאר א פרישע חיים, און ס'איז גאר משפיע פאר די אייגענע.

און צומאל איז דא איינער וואס זיין שטוב איז אינגאנצן אפען, ס'דרייען זיך דארט עלטערע בחורים קרובים וכדומה, מ'קומט און מ'גייט ווען מ'וויל וכו', ס'איז נישט די עסן און די שלאפן, ס'איז די פלאץ וואס מ'געבט זיי, די 'אויר', די ספעס, די געפיל אז די פלאץ איז דיך סובל, דא האסטו די רשות זיך צו דרייען, דא איז מען דיך סובל עד הסוף. וואס דאס איז אלץ א טובה פאר זיך זעלבסט, פאר די אייגענע שטוב, און צומאל איז דאס נאך אסאך מער חיים וחסד ווי די וואס גייען ארויס טוהן חסד, ס'איז זיך מתלווה צו דעם די ווארימקייט פון די שטוב, א יידישע שטוב האט א ווארימע געפיל, א קביעות'דיגע רואיגקייט, און דארטן אין די ווארימקייט ברענגט מען אריין אנדערע און מ'לאזט זיי זיך פילען באקוועם.

די
קינדער און די
בני בית נעמען מיט די
זכרונות פארן גאנצן לעבן, עד
זקנה ושיבה דערמאנט מען זיך
כסדר פון די געסט, פון יענער וואס
איז געקומען צו גאסט יענע יאר ביים
סדר, פון יענער גאסט וואס איז
געקומען יענעם שיינעם שבת,
ס'לאזט איבער א רושם
לטובה אין הארץ און
אין שטוב

אפענקייט ברענגט שמחה פארן מענטש, א אפענע טיר ברענגט שמחה פארן שטוב, ס'איז באקאנט די ווארט פון בעש"ט אז 'אורח' איז נוטריקון אור ח', א גאסט ברענגט אריין א לעכטיגקייט פון ח', פון עולם הבינה.

און דאס איז א זאך וואס יעדער קען לכאורה מעיד זיין דערויף, יעדער האט שוין אמאל געפילט ביי זיך אליינס די ליכטיגקייט פון אריינעמען געסט, ס'איז טאקע נישט גרינג אריינצונעמען, אבער אז מ'נעמט אריין מיט א געשמאק, מ'עפענט אויף די טיר און די הארץ פאר די געסט, פילט מען קלאר עפעס א פרישע לעכטיגקייט.

מ'פארציילט אויף אסאך צדיקים און ערליכע יידן וואס זייער שטוב איז געווען הפקר פאר יעדעם איינעם, און בפרט גלייך נאכן מלחמה איז דא אסאך מעשיות פון צדיקים, ווי זיי האבן גלאזט די טיר אפען פאר יעדער וואס האט נאר געוואלט, ווען מ'ליינט די מעשיות כאפט מען דעם הרגש, די הרגש פון א ווארימע שטוב וואס איז אפען, און ווי ווייט דאס באגלייט די געסט פארן לעבן. און אינאיינוועגס איז דאס א טובה אויך פאר די קינדער און די בני בית, די קינדער און די בני בית נעמען מיט די זכרונות פארן גאנצן לעבן, עד זקנה ושיבה דערמאנט מען זיך כסדר פון די געסט, פון יענער וואס איז געקומען צו גאסט יענע יאר ביים סדר, פון יענער גאסט וואס איז געקומען יענעם שיינעם שבת, ס'לאזט איבער א רושם לטובה אין הארץ און אין שטוב.

המשך בעמוד הבא

# פרשה-מועדים

המשך

זאל שוין פון ערב פסח האבן די תורה'דיגע בליק, ער זאל שוין פון ערב פסח מבער זיין און מבטל זיין די חמץ כעפרא דארעא, ער זאל שוין פון ערב פסח מיט גיין מיט די דעת התורה, אז חמץ האט נישט קיין שום ווערט. און נאר דורך דעם וואס די תורה האט עס גע'אסר'ט אין פסח, נאר דורך דעם האט דער יוד א כח מוסיף צו זיין און מבטל זיין פון ערב פסח.

קומט אויס אז די 'בדיקה וביעור' ערב פסח איז געבויט אויף די 'אכילה והנאה' אין פסח, און ווען ער איז מבטל פאר פסח, איז עס נאר מיט געגאנגען מיט די דעת התורה אין פסח. ער פאר זיך וואלט אנגעקוקט די חמץ ווי א דבר חשוב וראוי, ער איז אבער מבטל זיין דעת הפרטי צו דעת הכללי פון די תורה, היות ביי די תורה איז די חמץ אין פסח גארנישט ווערט, גייט ער אויך מיט מיט דעם און ער איז בודק מבער און מבטל פון ערב פסח.

און די צוזאמשטעל פון די צוויי, די צוזאמשטעל פון די דעת התורה אין פסח, און די בדיקה וביעור פאר פסח, דאס ווערט צוזאמגעשטעלט מיט 'ביטול', ביטול איז כולל סיי די תורה'דיגע קוק אויף די חמץ אין פסח, און סיי דאס וואס די יוד לייגט צו פאר פסח, ביידע ברענגען ארויס אז די חמץ האט נישט קיין מציאות, די חמץ האט נישט קיין חשיבות, ס'איז גארנישט ווערט.

[און לפי זה קומט אויך ארויס אז די עיקר מצוה פון 'תשביתו' איז די 'ביטול', און 'בדיקה וביעור' איז אויך נכלל אין די ענין פון 'ביטול', ווי ס'איז נתבאר געווארן בשם די רמב"ן אז 'ביטול' איז די כללות פון די גאנצע 'ביעור', ווייל די צוזאמשטעל מיטגיין מיט די דעת התורה פון 'אין פסח', איז דאך א ענין פון 'ביטול', אז ער איז מבטל דעתו הפרטי, צו די דעת הכללי פון די תורה הקדושה].

### • שאור שבעיסה

ס'איז באקאנט וואס די ספרים הקדושים זאגען אז 'חמץ' איז מרמז אויף דער יצה"ר, אויף די 'שאור שבעיסה', און פסח דארף מען מבטל זיין די חמץ, מבטל זיין די גאוה כעפרא דארעא.

איז לויט ווי ס'איז נתבאר געווארן בשם הרמב"ן איז די עיקר נקודה פון 'ביעור' די נקודת הביטול שבו, יעדער אופן פון 'ביעור' ברענגט ארויס אויף זיין וועג דעם איינעם ענין פון 'ביטול' אז די זאך האט נישט ביי אים קיין חשיבות, איז דאס איז אלץ א רמז אויף עבודת השם, אז אלע עבודות, מ'איז מבער יענער תאוה, יענער שלעכץ, אלץ איז די נקודה די 'ביטול', אז אלע תאוות און שלעכטס האבן נישט קיין שום חשיבות אין זיינע אויגען.

און ווי געשמיסט אז דורכען מבטל זיין, ווערט עס טאקע באמת אויס, ס'ווערט ווי א פנים חדשות, פריער איז עס געווען א גוט שטיקל חמץ, יעצט נאכן מבטל זיין האט עס באקומען א נייע 'וועליא', פנים חדשות באו לכאן ס'איז געווארן ווי א נייע זאך. און אזוי איז אויך כלפי די 'שאור שבעיסה', די שלעכטע מידות, אז דורכען מבטל זיין זייער חשיבות ווערט עס באמת אויס, אז א מענטש האט א תאוה צו עפעס שלעכטס, דאס מיינט בעומק אז ער האט א חשיבות צו דעם, און דורכען 'ביטול' ווערט עס אויס, די 'ביטול' געט פאר די מידות א נייע פנים, א פרישע צורה און א פנים חדשות.

און ווען א מענטש ארבעט אויף זיינע מידות, איז עס נישט סתם א 'עבודה', נאר ער איז יעצט באמת פועל עפעס אין זיך, אז ער ארבעט אויף צו מבטל זיין א מידה ווערט באמת א טויש אין זיין נפש, ס'קען זיין אז ס'איז טאקע די זעלבע מידות מיט וואס מ'איז געבוירן, אבער דורכען עבודה, דורכען מבטל זיין זייער חשיבות, באקומט עס באמת א נייע פנים און א נייע פרישקייט.

# לומדים את רבי חיים

המשך

### • די שטוב פון ר' חיים קנייבסקי זצ"ל

און אזוי איז געווען די שטוב פון ר' חיים קנייבסקי זצ"ל, ר' חיים זצ"ל איז נישט ארויס צו סאך פון זיינע ד' אמות, ער איז געווען קבוע ביי זיך אינדערהיים, אבער זיין היים גופא האט ער געפענט פאר יעדעם, זיין היים האט געלעבט מיט כלל ישראל. און ווי ס'איז ידוע אז ר' חיים האט געהאט אזא אפמאך מיט די רעביצן ביי זייער חתונה, אז די שטוב זאל זיין הפקר לכל, וואס די דאזיגע אפענקייט האט מען געפילט אלע יארן ביי ר' חיים און שטוב, יעדער איז געווען דארט 'יעלקאם'.

די ווייבער שול האט געהאט א אפענע טיר און אפענע הארץ ביי די רעביצן, אנפילענדיג יעדעם מיט חשיבות חיזוק ווארימקייט, וואס ס'איז נישט דא די ווערטער ארויסצוברענגען איר אפענקייט פאר יעדער יודיש קינד, ווי ס'איז ברייט באקאנט ביי יעדן איינעם. און די זעלבע ר' חיים אין די מענער שול האט אוועקגעגעבן פון זיין טייערע צייט, צו עפענען זיין טיר און הארץ פאר יידן, שעות אויף שעות איז ער געזעצן ענטפערנדיג אויף די בריוון, און אפילו פאר א קינד, פארשטייענדיג גוט אז די נושא איז נישט נאר די עצם תשובה, נאר אויך און בעיקר די חיזוק וואס יענער באקומט.

און דאס אלעס האט אנגעפילט די שטוב מיט ווארימקייט און לעבטיגקייט, ווייל יעדער וואס איז דארט אריינגעקומען און באקומען א אפענע טיר און א אפענע הארץ, האט ער מיט דעם מער אויסגעברייטערט די לעבטיגקייט אין שטוב, ווייל דאס איז די טבע פון א אפענע שטוב, אז די לופט דארטן ווערט מער און מער ברייטער און אפענער, לעבטיגער און פרייליכער, אריינעמענדיג נאך און נאך יידישע הערצער.

און דאס לאזט א גאר א שטארקע השראה און רושם אויף די געבערס און אויף אלע מקבלים, א זאך וואס מ'געדענקט פאר יארן שפעטער, פילענדיג די קביעות'דיגע ווארימקייט פון א אפענע הייליגע שטוב.

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**